**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול האלט אפ פייערליכע עפענונג פון 3 מיליאן דאלארדיגע דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש 'מעקאטראניקס' לאבארעטאריע פאר ארבעטסקראפט דעוועלאפמענט אין די פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג אינדוסטריע**

***ערשטע 'מעקאטראניקס' לאבארעטאריע אין דעם ראיאן צו צושטעלן פראקטישע לערנונג ערפארונג וואס קאנצענטרירט זיך אויף דאס אנטוויקלען טעכנישע סקילס פאר וועלכע עס איז דא א פארלאנג***

***ערשטע פרוי דזשיל ביידן באזוכט פייערליכע עפענונג אלס אנהויב פון [נאציאנאלער מעניופעקטשורינג חודש](#)***

***בילדער פון עפענונג צערעמאניע פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געפייערט די עפענונג פון די 3 מיליאן דאלארדיגע, ערשט-קלאסיגע 'מעקאטראניקס' לאבארעטאריע אינערהאלב די 'צענטער פאר אויסגעצייכנטקייט פאר אינדוסטריע און ערפינדונג' (The Center of Excellence for Industry & Innovation) ביי דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש (Dutchess Community College, DCC) אין די טאון אָוו פישקיל. זיך געפונענדיג אינערהאלב די קאלעדזש'ס נייע 'צענטער פאר אויסגעצייכנטקייט פאר אינדוסטריע און ערפינדונג', און אלס די ערשטע 'מעקאטראניקס' לאבארעטאריע אין דעם מיד-האדסאן ראיאן, האט די לאבארעטאריע דריי צימערן וואס זענען אויפגעשטעלט ווי א מעכאנישע לאבארעטאריע, אן עלעקטרישע/אויטאמאציע לאבארעטאריע און א הייצונג, אויסלופטערונג און עיר קאנדישענינג לאבארעטאריע. די קאלעדזש וועט אפפערן פראקטישע לערנונג ערפארונג וואס איז נויטיג צו שטיצן דאס אינסטאלירן, אויפהאלטן, פאררעכטן, אנשטעלן און פאררעכטן סיסטעמען, אריינרעכענענדיג קאנטראלס און נעטווארקס צווישן מאשינען. די DCC'ס פייערליכע עפענונג קומט אין דעם זעלבן צייט ווי די אנהויב פון דעם נאציאנאלן 'מעניופעקטשורינג חודש', ארויסהייבנדיג די וויכטיגקייט פון די מעניופעקטשורינג סעקטאר פאר ניו יארק סטעיט.

"אזוי ווי ביזנעסער ווי Micron, IBM און GlobalFoundries גרייטן זיך אריבערצוברענגען היי-טעק דזשאבס צו אונזער סטעיט, שפיגלט די מעקאטראניק לאבארעטאריע ביי די דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש אפ א וויכטיגע טייל פון אונזער אונטערנעמונג צו טרענירן ניו יארקער פאר די דזשאבס פון די צוקונפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די לאבארעטאריע, אין צוגאב צו אונזער 350 מיליאן דאלארדיגע 'אפיס פון סטראטעגישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג' ( Office of Strategic Workforce Development), וועט אונז העלפן פארזעצן צו אויפבויען אן ארבעטסקראפט פון די 21'סטע יאר הונדערט וואס איז גרייט צו נאכקומען די באדערפענישן פון די 21'סטע יאר-הונדערט ביזנעסער אין אונזער סטעיט. א ריזיגע דאנק פאר אונזערע שותפים פארן דאס מאכן א רעאליטעט פאר ניו יארק."

**ערשטע פרוי דזשילביידן האט געזאגט,** "די נייע מעקאטראניקס לאבארעטאריע וועט העלפן סטודענטן זיך איינהאנדלען די סקילס וואס זיי דארפן פאר די פלאנצן ביזנעסער דא — זיי צוגרייטנדיג פאר קאריערעס פון פראדוצירן אלעס אנגעהויבן פון סקרינס ביז דזשעט מאטארן און סעמי-קאָנדאָקטער. זייענדיג א קאמיוניטי קאלעדזש פראפעסארין אליין, בין איך אזוי באגייסטערט צו זעהן וויאזוי די ארבעט טוישט מענטשן'ס לעבנס."

**SUNY טשענסעלאר דזשאן ב. קינג דזשוּניאר האט געזאגט,** "אנגעהויבן פון עלעקטרישע טעכנאלאגיע ביז אויטאמאציע פון סופליי טשעין און אזויפיל מער — וועט דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש'ס מעקאטראניקס לאבארעטאריע צושטעלן ממשיות'דיגע פראקטישע לערנונג ערפארונג צו צוגרייטן סטודענטן פאר דזשאבס אין וואקסנדע פעלדער ווי די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע. מיר זענען דאנקבאר פאר די שותפות וואס האט פארזיכערט געלטער פאר די ערשט-קלאסיגע איינריכטונג פון דאָטשעס קאונטי און ניו יארק סטעיט אינוועסטירונג דורך SUNY און עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט. דאס איז א באגייסטערנדע געלעגנהייט פאר סטודענטן און ערוואקסענע לערנער זיך צו ערפאלגרייך איינהאנדלען די סקילס פאר דזשאבס אריבער דעם ראיאן."

**דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש פרעזידענט, פיטער גרענט דזשארדען, האט געזאגט,** "אונזער נייע מעקאטראניקס לאבארעטאריע אין פישקיל איז א געוואלדיגע ביישפיל פון וויאזוי די DCC ארבעט צו נאכקומען די עקאנאמישע און אנטוויקלונג באדערפענישן פון אונזער ראיאן און סטעיט, בשעת'ן אויך אויספלאסטערן א וועג צו באלוינענדע ארבעט פאר אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט (Empire State Development, ESD) פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט איז אינגאנצן קאנצענטרירט אויף שעפערישע און קלוגע פראיעקטן וואס וועלן מאכן די עקאנאמיע וואקסן און גיבן א געלעגנהייט פאר אלע ניו יארקער. די ערשט-קלאסיגע מעקאטראניקס לאבארעטאריע, פלאצירט אינערהאלב די DCC's נייע צענטער פאר אויסגעצייכנטקייט פאר אינדוסטריע און ערפינדונג, איז די פאסיגסטע צוגאב צו די קאמיוניטי און ערגענצט די פילע נייע פירמעס וואס ציהען זיך אריבער צו דעם מיד-האדסאן ראיאן. דורכן סטראטעגיש אינוועסטירן אין ארבעטסקראפט דעוועלאפּמענט, באזונדערס אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, בויען מיר אויף א לעבטיגע עקאנאמישע צוקונפט פאר פילע קומענדיגע דורות."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שוּמער האט געזאגט,** "עס איז קריטיש אז די האדסאן וואלי'ס איבערגעגעבענע ארבייטער זאלן האבן די סקילס און מיטלען וואס פעהלן זיי אויס זיך צו קענען פארזיכערן שיין-באצאלטע דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט אין ניו יארק'ס ערפאלגרייכע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג אינדוסטריע. דאס איז די סיבה פארוואס איך בין אזוי באגייסטערט צו פייערן די פייערליכע עפענונג פון די גרענצליך נייע מעקאטראניקס לאבארעטאריע צו פאראויס טרייבן דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש'ס צענטער פאר אויסגעצייכנטקייט פאר אינדוסטריע און ערפינדונג, טרענירנדיג דעם קומענדיגן דור פון ארבייטער אין דאָטשעס קאונטי. די נייע ארבעטסקראפט טרענירונג איינריכטונג איז די שטופ וואס DCC דאף צו העלפן סטודענטן באקומען די פראקטישע ערפארונג וואס פעהלט אויס צו קענען דערנאך אננעמען דזשאבס פאר וועלכע עס איז דא א פארלאנג אין די האדסאן וואלי."

**קאנגרעסמאן פעט רייען האט געזאגט,** "איך האב צוויי יונגלעך, אין די עלטער פון 1 און 4. וואס איך וויל מער פון אלעס, וואס איך בין זיכער אז איר אלע ווילט מער פון אלעס, איז אז אונזערע קינדער זאלן האבן שיין-באצאלטע דזשאבס וואס ערלויבן זיי צו אויפציהען זייערע פאמיליעס דא אין די האדסאן וואלי. דאס איז די צוקונפט פאר וואס איך טוה קעמפן יעדן איינציגן טאג, און עס איז א כבוד צו האבן דא דר.ביידן, ווען איך ווייס אז זי טיילט מיט די זעלבע מיסיע. איך וועל ווייטער שטופן צו זיכער מאכן אז יעדע האדסאן וואלי פאמיליע האט די געלעגנהייט צו מצליח זיין."

די פעלד פון 'מעקאַטראָניקס' איז א געמיש פון פארשידענע אנדערע פעלדער פון מעכאנישע סיסטעמען, עלעקטרישע סיסטעמען, קאנטראל סיסטעמען און קאמפיוטערס. מעניופעקטשורינג דזשאבס באצאלן 12 פראצענט מער אין געהאלט פער שעה פון וויפיל ענליכע ארבייטער פארדינען אין די רעשט פון די פריוואטע סעקטאר, און די פעלד פון מעקאטראניקס שטייגט שנעלערהייט אויף אלס די חלק פון די פעלד פאר וואס עס איז דא די גרעסטע פארלאנג. DCC איז אריין אין א שותפות מיט פירמעס ווי OnSemi, eMagin און MPI צו אויפקומען מיט די לערנען מאטעריאלן, און זיי וועלן זיין פארמישט אין די געאפפערטע 'עלעקטרישע טעכנאלאגיע אסאָסיעיטס אין פראקטישע וויסנשאפט ( Associates of Applied Science, ASS) דעגרי פראגראם און אין די טעכנישע טרענירונג. DCC פלאנירט צו אויסברייטערן פראגראמען פאר מיטל-סקול און היי סקול קינדער און צו קינדער וואס לערנען אין BOCES פראגראמען.

כדי צו שטיצן דעם פראיעקט, האט עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט צוגעשטעלט א $435,000 אינפראסטרוקטורישע גרענט, נאכן באקומען די רעקאמענדאציע דערפאר פון די 'מיד-האדסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל" (Regional Economic Development Council), פאר די קאנסטרוקציע און רענאוואציע און צו איינקויפן פארבינדענע עקוויפמענט.

**די פארזיצער פון די מיד-האדסאן ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל, פרעזידענט און CEO פון די ביזנעס קאונסיל אָוו וועסטשעסטער, דר. מארשא גארדאן, און פרעזידענט פון SUNY אראנדזש, דר. קריסטין יאנג, האבן געזאגט,** "אלס א צענטער פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג בילדונג און ערפינדונג, אינוועסטירן מיר סטראטעגיש צו אויפבויען א גרופע פון טאלאנטפולע מענטשן צו אננעמען די דזשאבס און ערפילן די באדערפענישן פון מעניופעקטשורערס אין דעם מיד-האדסאן ראיאן. מיר זענען שטאלץ אז די ערשט-קלאסיגע מעקאטראניקס לאבארעטאריע ביי די דאַטשעס קאמיוניטי קאלעדזש איז די ערשטע פון דעם סארט אין די געגנט, און מיר פילן זיכער אז DCC וועט פארזעצן צו פאראויס טרייבן די ראיאנישע עקאנאמיע דורכן טרענירן די ארבעטסקראפט פאר דעם מארגנדיגן טאג."

**סטעיט סענאטאר ראב ראליסאן האט געזאגט,** "די סטראטעגישע אינוועסטירונג וועט שאפן דזשאבס, ברענגען עקאנאמישע וואוקס און ווייטער פארשטערקערן די האדסאן וואלי'ס פאזיציע אלס א פירער אין פארגעשריטענע, 21'סטע יאר-הונדערט מעניופעקטשורינג. איך אפלאדיר גאווערנער האקול און ESD פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו שטיצן אויפשטייגנדע טעכנאלאגיעס און ארבעטסקראפט טרענירונג."

**אסעמבלי מיטגליד אניל ביפען האט געזאגט,** "עס איז מיר אן עהרע צו שטיין ביי די זייט פון גאווערנער קעטי האקול ביים פייערן די עפענונג פון דאַטשעס קאמיוניטי קאלעדזש'ס פארגעשריטענע מעקאטראניקס לאבארעטאריע. DCC בלייבט אויף די סאמע פראנט פון בילדונג שעפערישקייט, שטיצנדיג א נייע עפאכע פון לערנען דורך פראקטישע ערפארונגען וואס באפולמעכטיגן אונזערע סטודענטן און גרייטן זיי צו פאר א בליהענדע צוקונפט אין די ארבעטסקראפט."

**דאַטשעס קאונטי עקזעקיוטיוו וויליאם עף. עקס. אָוניעל האט געזאגט,** "היינט איז א גרויסער טאג פאר דאַטשעס קאונטי און פאר די צוקונפט פון באשעפטיגונג אין אונזער קאמיוניטי. דאַטשעס קאונטי איז שטאלץ צו האבן אינוועסטירט 1.2 מיליאן דאלאר אין די מעקאטראניקס לאבארעטאריע, אונזער לעצטע שותפות מיט דאַטשעס קאמיוניטי קאלעדזש. דאַטשעס קאונטי בלייבט ווייטער איבערגעגעבן צו אינוועסטירן אין אונזערע איינוואוינער און אין אונזער לאקאלע עקאנאמיע, און די מעקאטראניקס לאבארעטאריע וועט העלפן זיכער מאכן אז א געניטע לאקאלע לעיבאר קראפט איז גרייט פאר די אנטוויקלנדע באדערפענישן פון די מעניופעקטשורינג אינדוסטריע. דאס אויפבויען די סקילס וועלכע העלפן אונזערע איינוואוינער זיך פארזיכערן שיין-באצאלטע דזשאבס וועט האבן א לאנג-בלייבנדע השפעה אויף אונזערע איינוואוינער און אונזער קאמיוניטי פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט. מיר

גראטולירן דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש פאר די געוואלדיגע נייע איינריכטונג, און מיר קוקן ארויס צו נאכפאלגן די לאקאלע הצלחה געשיכטעס וועלכע וועלן זיך אנהויבן דא."

**פישקיל טאון סופערוויייזאר, אזי אלבארא, האט געזאגט,** "עס איז געווען א כבוד פאר די טאון אָוו פישקיל צו אויפנעמען די ערשטע פרוי פון די פאראייניגטע שטאטן היינט צו פייערן די צוקונפט פון אונזערע יונגע מענטשן דורך פראקטישע בילדונג ביי DCC אין פישקיל. פישקיל איז שטאלץ מיט אירע פאנטאסטישע באציאונגען מיט דאָטשעס קאונטי און מיט די דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש."

**פרעזידענט פון די מעניופעקטשורער'ס אסאָוסיעישען פאר די האדסאן וואלי, די קאונסיל פון אינדוסטריע, הערלד קינג, האט געזאגט,** "די לאבארעטאריע איז א געוואלדיגע מיטל פאר מעניופעקטשורערס און אנדערע אינדוסטריאלע ארבעטסגעבער אריבער דעם מיד-האדסאן ראיאן. די עקוויפמענט און לערנען מאטעריאלן זענען אויסדערוועהלט געווארן אויסהערנדיג וואס לאקאלע מעניופעקטשורערס האבן צו זאגן. די DCC'ס פראגראמען וועלן העלפן ארבעטסגעבער גיבן נייע סקילס פאר יעצטיגע ארבייטער און אויפבויען א גרופע פון טאלאנטפולע מענטשן וואס איז קריטיש פאר די וואוקס און אויסברייטערונג פון די מעניופעקטשורינג סעקטאר."

**טשיעף עקזעקיוטיוו אפיסער פון Think Dutchess Alliance for Business, סערע לי, האט געזאגט,** "דאָטשעס קאונטי און דער מיד-האדסאן ראיאן זענען א שטארקע באזע אין פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, אונזערע ראיאן נויטיגט זיך אין קוואליפיצירטע ארבייטער, און איך בין פרייליך אז דאָטשעס קאמיוניטי קאלעדזש נעמט די לייצעס מיטן צושטעלן א בילדונג פון א הויכע קוואליטעט און אלטערנאטיווע וועגן פאר דזשאבס און קאריערעס פון א הויכע קוואליטעט."

**אסיסטענט קאונטי עקזעקיוטיוו ראנעלד היקס האט געזאגט,** "דאָטשעס קאונטי זעצט פאר צו זיין איינס פון די פראנטן פון ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צו נאכקומען די יעצטיגע און צוקונפטיגע באדערפענישן פון אונזערע ביזנעסער, און אין דעם זעלבן צייט צושטעלנדיג סקילס פאר אונזער ראיאנישע ארבעטסקראפט זיך צו קענען פארזיכערן דזשאבס מיט א הויכע געהאלט און נייע געלעגנהייטן. מיר זענען דאנקבאר פאר DCC פאר זייער שותפות, און פאר די קאונטי לעגיסלאטור פאר זייער שטארקע שטיצע און אינוועסטירונג אין אונזערע פראיעקטן צו אויפשטעלן אן ארבעטסקראפט פאר דזשאבס."

לויט די נאציאנאל אסאָוסיעישען פון מעניופעקטשורערס, טרייבט מעניופעקטשורינג אויף מער פון 75 ביליאן דאלאר אין פראדוקטן און באשעפטיגט איבער 400,000 מענטשן אין ניו יארק סטעיט מיט א דורכשניטליכע יערליכע געהאלט פון איבער $87,000. ניו יארק סטעיט איז די איינציגסטע צפון-מזרח סטעיט צווישן די העכסטע 10 ביים צוריק ברענגען מעניופעקטשורינג דזשאבס און איז די גרעסטע פראדוצירער פון באן טראנספארטאציע עקוויפמענט אינעם לאנד. גאווערנער האקול האט אויך אוועקגעשטעלט דעם לאנד'ס פירנדן 'גרינע טשיפס' געזעץ וואס איז קריטיש געווען צו צוציהען די טראנספארמאטיווע 100 ביליאן דאלארדיגער Micron פראיעקט צו צענטראל ניו יארק, פירנדיג צו די מעניופעקטשורינג פון דעם קומענדיגן דור פון מעמארי טשיפס און זייענדיג ערווארטעט צו ברענגען 50,000 דזשאבס קיין אפסטעיט ניו יארק.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן